STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02383

VILDE ROYZEN

Moishe Nadir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה נאדיר.

ווילדע רויזען

אונשולדינע איינפאלען

צייכנונגען און וויניעטען פון
ליכטענשטיין, זאגאט און מאוד

ליטעראַרישער פערלאג — ניו-יארק.
יאהר, נײַנצעהן הונדערט און פינפצעהן



Copyright 1915
YIDDISH LITERARY PUBLISHING CO., Inc.
256 E. Broadway, New York

אן אפאלאגיע

זומער.

פערשכור'ט זענען מיינע גלידער פון דעם שארפען דופט פוןווילדע רויזען, וואס רויטלען זיך אין די גארטענס פון מיין נשמה, און צוטומעלט פון דעם מעלאנכאליש־פארנאגראפישען לבנה־ליכט.

אויפגערעגט איז מיין קערפער און —

מיין נשמה.

און דער הימעל פינטעלט צו מיט די אויגען ווי א קלוגע זונה, און געדאנקען דרעהען זיך ארום אין קאפ, אזעלכע געווענליכע, אזעלכע אונאנשטענדיגע.

שרייבסט דו זיי אויף, ניט מיינענדיג קיין שלעכטס.

און וועט עס עמיצענס מאראל פערדארבען אדער זיין גוטען געשמאק שאקירען, בין איך ניט שולדיג.

האב קיין שום כוונות ניט.

איך וויל ניט די פערשייטע בלעטלעך זאלען געלעזען ווערען פון זעהר־יונגע אונערפאהרענע מיידלעך, בעזע קריטיקער, טיף־ערנסטע קולטורטרעגער, מיין גוטער פרוי און א פאר צעהנדליג טויזענד אידישע מענשען, וואס האבען צו ווילדע רויזען קיין שום ליבשאפט ניט.

א גוי'שער ארטיקעל.

זייט געווארענט!

מיינע געשיכטען טרייסטען ניט.

דערהויבען ניט דעם גייסט — בין ניט מחויב קיינעם צו דערהויבען.

זענען ניט בעלעהרענד — כ'וויל ניט זיין בעלעהרענד.

גאנץ אונמאראליש —

ווי דאס לעבען.

און וועקען זיי נידריגע געפיהלען אין איך, איז דאָס אייער שולד.

ניט מיינע.

פארוואָס האָט איהר נידריגע געפיהלען?

— — —

ווען איך וואָלט געווען א פשוט'ער לעזער, וואָלט איך דאָס דאָזיגע ביכעל ניט אריבערגעלאָזט איבער מיין שוועל.

אבער א י ה ר וועט עס מסתמא לעזען.

זיך שעהמען —

און הנאה האָבען.

— — —



די פרייע ליעבע

אין פרייע ליעבע גלויב איך נים.

אן אינסטיטוציאן, ווי די געזעצליכע הייראט — דערצו מיט אידעען און פרעטענזיען.

א געזעצליך ווייב קענסט דו אב׳גט׳ען, אבער וואהין וועסטו אנטלויפען פון דער פרייער ליעבע?

און גאטענפרויען זענען ווי ביליגע ציגארען — שמעקען בלויז די ערשטע עטליכע מינוט.

מיר רעקאמענדירען בעסער א פאר האמען, וואס האלטען נים פון פרייער ליעבע.

עהרליכע נשמות.

שטארק איבערגעבען זייערע מענער.

וויפיעל אנגענעהמע שטונדען האב איך מיט אזעלכע אנשטענדיגע פאמיליענמוטערס פערבראכט.

אהן יעדען פאראויסבעשטימטען ציל.

אהן א פראגראם און — טאגעסארדנונג.

און נאך אפט געקראגען דעם געזעצליכען מאנ׳ס גוטע האוואנא־ציגארען אלס מתנה.

און זיי האבען זיך געפיהלט אזוי אינטערעסאנט־זינדיג.

אזוי רייצענד־פעראומגליקט.

אנשטענדיגע פאמיליען־מוטערס! איך בענש אייך און צוזאמען מיט אייך פערדאם איך די אויסגעלאסענע פרייע ליעבע!

אויפ'ן הייליגן ארט

אויפ'ן בית־עולם איז אינטערעסאנט.
די טויטע רעדען אזוי שטיל; אטעמען אזוי איינגעהאלטען.
דו ביזט אליין און דאך אין פיינער, דיסטינגירטער געזעל־
שאפט.
פאהרט צו, ליעבע עמא, און טהוט א קוק, אבער—אליין.
אייער מאן לאזט אין דער היים.
ער איז צו אלט האט רעוומאטיזם און שרעקט זיך פאר'ן
טויט.
א רחמנות אויף דעם גוטען מענשען.
געהען זיינע געשעפטען גוט?

— — —

איך ווארט.
פודערט זיך אן, ליעבע עמא, און גרייט זיך צו; מיט אייערע
אייגענע אויגען זעהט, ווי נישטיג דאס לעבען איז,
ווי לעבערליך — דער טוידט,
און ווי זיס — די ליעבע.
ארום זעקס אזייגער איז שוין קיינער אויפ'ן בית־עולם ניטא.
איך ווארט, ניט ווייט פון טויער; א הילצערנער צלם, א נור
וואס־אנגעשאטען בערגעל ערד.
פונקט זעקס.

די קרינאלינע

אמאל איז געווען א פּרויענקלייד מיט הילצערנע רייפן פון אונטען.

די קרינאלינע.

איז זי ארוים פון מאדע.

אלעם פליסט, זאגט הערּאקלים.

אזא פילאזאף.

און מאדיש זיינען געווארען די ליכטזיניגע, לייכטפלאטער־רענדע קליידלעך אהן בעווארענישען געגען מאנספארשוינען.

באלעבאטישע מוטערס, האט עס אין זין און שטראפט ניט צו שטארק אייערע יונגע, זעהר־רייצענדע און לייכט־פערּאומ־גליקטע טעכטער!

אויך איהר זייט אמאל געווען אומשולדיג און — פער־אומגליקט געווארען.

מעהר — ווייניגער.

קלוגע פערציייהען — זייט קלוג!

אך, ווען קליידלעך זאלען האבען רייפען! אפשר וואלט דאס אבגעהאלטען די מיאוסע בעסטיען.

א פלאן: ענטוועדער צוריק די קרינאלינע אדער א הענג־שלאס.

אפשר וועט דאס כאטש זיין א בעווארעניש אנטקעגען עלטערע, ווייניגער־ענערגישע מענשען!

אלע פאר איינעם

וואו האבען מיר דאס געלייענט ?

א מערק איז ער געווען.

אפשר אן אראבער.

מיר ווייסען בלויז, אז דער רעטזועלהאפטער מענש האט גע־רויכערט א נארגילע, ניט געטרונקען די פונ'ם קאראן פערבא־טענע ספיריטואזען און איז געווען א זעהר נייגיריגער, קלוגער עלטערער מענש מיט א בעזונדערס שטארקער ליעבע צו וויסענ־שאפט.

איז אבער אראביען א גאנץ־אונציוויליזירט לאנד מיט אן ארימער קולטור און אלע קלוגע זאכען שטאמען פון אייראפא.

ווי אלע ווייסען.

איז אונזער מערק אדער אראבער אין א שעהנעם פריהלינגס־טאג אוועק קיין אייראפא.

דארטען האט ער געהערט מענשען רעדען וועגען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, זיך אנגעלייענט מיט קלוגע ספרים און בראשורען און איז אוועקגעפאהרען צוריק צו זיך אין לאנד אריין.

פערבענקט זיך.

אין קומענדיג אהיים, האט ער זיך אויסגעוועהלט אזויפיל שעהנע מיידלעך, וויפיל זיין פערמעגען האט איהם ערלויבט, זיי איינגעשלאסען אין זיין הארעם און אויף דעם טויער פון'ם הארעם האט ער געלאזט אויסקריצען מיט גאלדענע בוכשטאבען :

"איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם!"

עפּעס א בארג

ביי אונז אין שטעדטעל איז פאַרהאַן א בארג.
איז ביים ליעבען לעזער אין שטעדטעל אויך פאַרהאַן א בארג?
אויב ניט, דאַרף ער ניט רויט ווערען.
ס'מאַכט ניט אויס.
ניטאַ איז ניטאַ.
נור פונדעסטוועגען איז א בארג א ניצליכע זאַך.
א גוטער ברודער—פערשטעלט ער.
ווען מען בעדאַרף.
און די גוי'עם אין די פעלצען און די אידען מיט די ניט געקעמטע בערד אויף דער זייט בארג זעהען ניט, וואס אויף יענער זייט טהוט זיך.

— — —

די שיקסע האט געהייסען: קאַסיאַ.

די נשמה, מיינע געהערטע !

הײנט איז א י ה ר צייט.
איהר בענעפים, טעאטראליש גערעדט.
האט הלל צייטלין שטארק הנאה.
און מעטערלינק.
און מיר איז זי,
די נשמה, מיינע געהערטע,
מיאוס,
ווי דאס קינא־טעאטער.
און גיין־און־פערציג־סענטיגע העמדער,
און משה נאדיר׳ס חכמות.

ווארפט זי ארוים צוזאמען מיט די שוואנענהעלזער, זעפיר־ווינדען, אלאבאסטערבריסטען און אנדערע פערשימעלטע, אונגעניסבארע פראדוקטען.

דען די נשמה איז אומעטום: אפילו אין די שעהנע פיסקנעכעל פון דער פרוי און — ה ע כ ע ר.

און קום איך אין בעריהרונג מיט מיין געליעבטער, בעריהר איך אויך איהר נשמה.
פיהל איך איהר זעלע.

— —,—

איך שטעל ניט קיין פינטעלעך.

ליכט

— אונזער פארטיי ברענגט ליכט.

—צום טייפעל מיט אייער ליכט! איך וויל עס זאל זיין פינסטער.

—ניט אָן און אורזאכע.

—אין דער פינסטערניש ליגען די ווארצלען פון לעבען און זיינע פערגעניגענס.

— אבער מיר ווילען עס זאל ווערען ליכטיגער אין די קעפּ פון די עלענדע מאסען...

— הירש לעקערט און קארל מארקס האבען געפּרואווט — ניט געהאלפען.

— אבער איהר מוזט צוגעבען, אז דער בלינדער טאפּט אין דער פינסטער.

— אלע טאפּען מיר אין דער פינסטער, — אפילו די זע־הענדיגע.

— פארנאגראפיע אדער פילאזאפיע?

— ווי איהר ווילט.

— אבער ליכט איז וויסען!

— און פינסטערניש איז פערגעניגען — וועלכעס שטעהט העכער?

— איהר זייט א בורזשוא.

— צו וואס די אומזיסטע קנאה?

איך פאהר

איך וועל ניט בלייבען אין ניו־יארק — איך וועל אוועק־פאהרען.

ווי לאנגווייליג איז ניו־יארק!

און דארפיש.

און געלד פערדינן איך גאנץ ווייניג.

און די פרויען זיינען אזעלכע וואולגארע.

שלעכט — פארפורמירטע,

און אזוי אונבעפלעקט פון — וואסער.

האנדלען אונטער'ן בריק.

דעם אדרעס קען איך ניט געבען! בין ניט זייער פרעס־אגענט.

איך בלייב ניט דא.

איך וועל אוועקפאהרען קיין ווארשא, קויפען א שקארמיץ וויינשעל און אנשרייבען א גרויס ווערק.

אין ווארשוי האב איך מעהר טאלענט.

שלום אש ווייסט.

פרעגט איהם.

אדער רייזין'ען.

דער בעטלער

אין עק גאס שטעהט ער — דער בלינדער, שוין־ניט־מעהר יונגער בעטלער.

אן ארגינעלער מענש וואלט צוגעגאנגען צו איהם, געהייסען איהם זינגען עפעס א נאריש לידעל און אבגעגעבען איהם ס׳גאנצע געלד.

געבען וויפיל דו קענסט איז קיין קונץ ניט.

א קונץ איז געבען מעהר, ווי דו קענסט, און נאך א ביסעל. דאס איז אריגינעל.

אזוי טהוט מיין פריינד.....

ער גיט אוועק א בעטלער די לעצטע פאר גראשען, וואס ער האט ערשט אויסגעבעטעלט ביי אן ארימען חבר און באלד געהט ער ווידער בעטען.

ניט בעטען, נור — פאדערען.

ער איז דאך ניט קיין געוועהנליכער מענש.

אבער איך בין א פערדאמט־געוועהנליכער, קרעפטיגער קליינבירגער.

גיב איך דעם בלינדען קיין סענט ניט.

איך האב׳ן אין דר׳ערד!

דיטא אלע ערנידריגטע און בעליידיגטע.

א חוץ דאסטאיעווסקי׳ס.

א פיין שטיקעל ליטעראטור!

אריעהטיוועז

שעהנע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר אבררייסען זיך פון אייער מוטערצווייג?

שעהנע קארשען שווייגען.

רויטע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר אין מיינע אויסגע־שפרייטע הענד אריינפאלען?

רויטע קארשען שווייגען.

ליעבע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר ווילדע פייגעל זא־לען אייערע יונגע לייבער אויסשטעכען?

ליעבע קארשען שווייגען.

פיינע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר די זון זאל אייער שמעקעדיג בלוט פון די אדערען אויסטרינקען?

פיינע קארשען שווייגען.

צייטיגע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר דער ווינד זאל אייך אין א פרעמד לאנד פערווארפען?

צייטיגע קארשען שווייגען.

זאפטיגע קארשען אויפ'ן בוים, ווילט איהר עהרליכע ווערעם זאלען אייערע רויטע הערצלעך דורכפיעסען?

זאפטיגע קארשען ציטערען אויף און פאלען אין מיינע ליפען ארויף.

מיין קעלנער'ס זאראטוסטרא

— וואס האט איהר געוואלט זאגען, הערר קעלנער?
— זיי שרייבען פיין אינ'ם קליינעם ווינער וויצבלאט.
— זגות.
— אבער אינטערעסאנט.
— אביסעל.
— איהר ליעענט ניטשע'ן?
— אמאל: מייסטענס אין רעגענדיגע טעג.
— זאראטוסטרא זאגט ערגיץ: געהסט צו א פרוי, נעהם מיט א בייטש.
— דאריבער?
— איך זאג, אז די בייטש אליין איז ווענינ....
— ווי מיינט איהר עס?
— איך מיין, אז ס'איז נויטיג מיטצונעהמען ט א ק ע ד א ס ג א נ צ ע פ ע ר ד!
— איהר אינטערעסירט זיך, ווייזט אויס, מיט פילאזא־פישע פראבלעמען?
— אווא!
— קעלנער, בעצאהלען!

איך האב געזינדיגט

איך בין א שווערער פערברעכער.

ווי אפט האב איך אזוי ניט־דעליקאט געזינדיגט: אזוי בעלייידיגענד.

האט א יונג, צייטיג מיידעל איהר קאפ אויף מיין שוים געלעגט, האב איך זי געגלעט איבער דער רעכטער באק און—דאס אלעס.

האט מיין חבר אוועקפאהרענדיג מיט די לעצטע קליידער־מוסטערן אין די ווייטע וועסט־שטאטען געבעטען מיך איך זאל אויף זיין פרוי אכטונג געבען און אמוזירען זי, האב איך איהר געשאנקען בלומען און צוקערווארג און — דאס אלעס.

האט אן אפעטיטליכע אידישע אקטריסע מיך געבעטען דערמאנען זי צום גוטען אין מיינעם א פעליטאן, האב איך גענומען פינף דאלאר און — דאס אלעס.

זייט מיר מוחל, גוטע נשמות!

איך בין געווען יונג, מאראליסטיש און נאריש.

איצט בין איך טיפער און — קלוגער.

דאריבער בין איך אזוי ערפאלגרייך ביי פרויען.

ווי בעקאנט.

די בעסטיען

איך שרייב דיר מיין טאכטער אז מיר זענען אלע געזונט, גיב גאט פון דיר דאס נעמליכע צו הערען.

און זעה, היט זיך פאר מענער !

זיי זיינען ערגער פאר בעסטיען.

פערטרוי זיי קיינמאל גארניט, ליעבע טאכטער: גיסט זיי א פינגער, ווילען זיי די גאנצע האנד.

אין יעדען ווארט זייערען ליגט בעהאלטען א מיאוסע כונה.
און זאגען זיי דיר א קאמפלימענט, איז דאס אן אטענטאט און ווידמען זיי דיר סאנעטען, פלעכטען זיי א שטריק פאר דיין אונשולד.

ניט אומזיסט פאדערען די ווייבער גלייכבערעכטיגונג.

יעדער מאנספארשוין איז א חיה רעה.

א צווייפיסיגע נידערטרעכטיגקייט.

דיין פאטער, ליבע טאכטער, ווייס וואס ער רעדט.

ער איז אליין א מאנסביל.

א חיה רעה.

א בעסטיע.

און דו ביזט די טאכטער פון א לומפ,

א חיה־רעה,

א בעסטיע.

אלע פרויען זענען דאס.

דעריבער זענען זיי אזוי גרוים ביי זיך.

אזוי שטאלץ.

איהר מעגט!

— מאדאם, אייער מאן געפעלט מיר ניט.
— ער האט געזאגט, אז איהר עסט שפינאט.
און טונקט דאס אין עסיג.
דער'הרג'עט איהם, מאדאם!
— אייער עהרע מוזט איהר פערטיידיגען, מאדאם!
— איהר מוזט בעווייזען, אז איהר עסט ניט קיין שפינאט־־
און איהר טונקט דאס ניט אין עסיג.
— ביטע, מאדאם, ווערט אויפגערעגט.
— נעהמט קריצען מיט אייערע געזונטע, שנעע־ווייסע ציינער.
— הויבט אן בליצען מיט אייערע שעהנע אויגען — די וואונדערבארע.
די ציגיינערשע.
— דערשיסט איהם ווי א הונד, מאדאם!
— נישקשה, די הערצען געשווארענע וועלען אייך בעפרייען.
— איהר זייט דאך אזא רייצענדע.
— און אזא בלאנדע.
— אלזא!

אין געדאנק

אַמאָהל ווערט מיר נמאס די פערשלומפּערטע, לאַנגווייליגע וועלט. לאַז איך זיך — אין געדאַנק — איבערפאַהרען אַ פינגער פון מיין לינקער האַנד: אַן עקספּרעס־צוג געהט בליץ שנעל. האַקט ער אָב דעם פינגער אין אַ סעקונדע און איך ווער פערגאַסען מיט וואַרימען בלוט.

אָבער איך קיהל זיך ניט.

לעג איך אונטער נאָך אַ פינגער און נאָך איינעם, ביז מקריב די גאַנצע האַנד, ביידע הענד —

און דאָס בלוט טריפט.

קאַפּעט איבער מיין העלען אַנצוג.

איך בין רויט־געפלעקט ווי אַ מערדער.

און דאָס האַרץ זידט אין מיר אַלץ.

און מיר איז אַזוי לאַנגווייליג, ווי נעכטען.

און אייערנעכטען.

געה איך אַהיים, טרינק אויס עטליכע גלעזער מילך, קוש מיין שטילע פרוי און זאָג: ס'איז שוין שפּעט.

און לעש דאָס ליכט אויס.

פילאָלאָגיע

בין אומגעגאנגען אין פארק, מיט'ן שטעקען אין האנד — זעהר א וויכטיג דעטאל! און בין פלוצים געבליבען שטעהן א צומישטער: אויף יעדען בוים, אויף יעדען געוויקס — א טעוועלע מיט'ן גענויען נאמען פון דער פלאנץ.

איך לעז: פעטעלעא טריפאָליאטא.

צעראדיפילום יאפאָניקא.

עקסאָכאָרדא ראצעיוס.

און נאך שווערערע קאמבינאציאנען.

ס'א רא אונאנשטענדיגקייט!

צו וואס די אלע נעמען?

וואס איז דער אונטערשיד ווי א געוויקס הייסט, אבי עס גרינט און האט צווייגען און בליטהען?

ווער דארף וויסען פון וועלכער פאמיליע דער בוים שטאמט, אבי ער דופטעט, האט פארביגע בעקלעך און שפילט לייכטזיניג מיט'ן פערשייטען ווינד?

צו וואס קלאסיפיצירען, איינטיילען לויט ליניייען אדער א גייערען אוטאריטעט?

צו וואס אזויפיל פילאלאגיע?

פארוואס ניט ארומגעהן צווישען בלומען און פרויען גאנץ אונוויסענשאפטליך און רופען יעדע פרוי מ י י נ פ ר ו י?

ווארום?

לאמיר פאלעַן!

ערגיץ איז פארהאן אן אוצר.

מוז זיין.

אז ניט, צו וואס דאס מיזעראבעלע לעבען, מיט עקעלהאפטע מלחמות, ווענערישע קראנקהייטען, טעגליכע צייטונגען, קאלטע הענד, מאנאטאַנע געזיכטער און מיטעליעהריגע מענשען?

ערגיץ מוז זיין בלאסע און דינע הענד, ווייכע הערצער, פרומע קינדישע מיידלעך.

דאס פאראדיז.

"ווייט־ווייט הינטער די וועלדער, זאגען די מענשען, וואינט דאס גליק"

איז דער דייטשער דיכטער געגאנגען און געקומען —

מיט פערוויינטע אויגען צוריק.

צום גראם.

ווייט־ווייט.

גיב, געליבטע, דיין שמאלע, ערעלע האנד און פיהר מיך צום בעהאלטענעם אוצר.

און וועלען מיר פאלען אין וועג—ניט שרעק זיך, געליבטע.

אויב ניט דערגעהן, וועלען מיר אפשר דערפאלען צום אוצר בעהאלטענעם.

דאס חופּה־רינגעל

איך האָב זי געפרעגט:

— קינד וואָס טראָגסט דו אַזאַ קליין, שמאָל חתונה־רינגעל?

זי האט געענטפערט:

— ווייל איך בין בלויז אַ קליין ביסל פערהייראַט!

און דאס זאָגענדיג, איז זי געוואָרען פערטרויערט.

אזוי מעלאַנכאָליש.

אזוי פּעסימיסטיש.

איך האָב איהר געענטפערט:

— זעהסט דו, קינד! ווען דו זאָלסט געווען מיך הייראַטען, וואָלסטו נאָך פאר דער חתונה געווען געטראָגען אַזאַ גרויסען רינג, אַז דו וואָלסט איהם לייכט געקענט אָנטהון אויף דיין שעה־נעם האַלז.

און זי איז געוואָרען נאָך מעלאַנכאָלישער.

נאָך פּעסימיסטישער.

אָרעם קינד!

ווי אין א טאָג בוך

אין קאפע:
געטרונקען צוויי גלעזער טהעע.
געשפילט שאך און — פערשפילט.
בעגעגענט ל. שאפיראץ׳. זיך צורעדט זעהר ווארעם.
א הויפט־עהרליכער מענש.
א פראכטפולער ערצעהלער — איינער פון אונזערע בעסטע.
און אזא אויפריכטיגער קאלעגע.
געפעלען איהם ניט די ווילדע רויזען מיינע, וואס שמעקען מיר אויך ניט.
ער, שאפירא, וואלט אזא ביכעל ניט געדרוקט — שרעקליך לאנגוויילי: !
האט׳ס קוים דורכגעבלעטערט.
אן אבקומעניש.
ווי טרינקען נאפט.
עס דערנעהרט נישט און — שטינקט.
און עס פער׳שכור׳ט אפילו ניט.
א גרויסער טאלענט — ל. שאפירא.
אן אויפריכטיגער מענש.

— — —

שפילען מיר א דאמינא, קאלעגע?

ארימע אונשולד

וואס איז געשעהן מיט די ארימע וויינטרויבען ?

גארניט איז געשעהן.

זיי זענען צייטיג געווארען.

האט זיך זייער בלוט פון הייסען זונ־שיין אנגעצונדען — און געגליהט —

האבען זיי זיך געבעטען: גוטע מענשען, דריקט אונזערע זאפטען אויס! בייסט איין די אונשולד אונזערע !

זענען אבער מענשען אזוי אנשטענדיג—ניט געוואלט פרעמדע טרויבען אין זייערע קעלטערס אויסטרעטען.

האבען די טרויבען פון צופיעל רייפקייט גענומען זויערן, שימלען, פוילען.

די עהרליכע מענשען — פפוי !

ארבייטער פון אלע לענדער

שרייט ניט אזוי הויך אז איהר ווילט עסען.
איך וויל אויך.
און האב איך — עס איך.
אז ניט, הונגער איך אונערמיעדליך.
און איך פוץ זיך די צייהן.
אבער איך שריי ניט: ארבייטער פון אלע לענדער, גיט מיר
א גרויסע שיסעל זופ.
איך עס פון א קליין שיסעלע.
עס איז עסטעטישער.
פיינער.
ערעלער.
און מאכען פון א שיסעל יויך א רעליגיע—דארף מען ניט.
איך און מיין פריינד ד'אברוצי זענען דאגעגען.
און געהן אין סיביר פאר דעם פרינציפ פון גרויסע שיסלען
יויך איז צו קאסטשפיליג.
טו קומט־זשע מיר ניט דערצעהלען, ווערטהע גענאסען, אז
איך זאל אייך העלפען קעמפפען פאר גרעסערע שיסלען זופ.
און העכערע טעפ מיט בארשט.
איך וועל אייך ארויסווארפען פון שטוב.
זאל איך אזוי זיין געזונט.

א רעטעניש

האט אויגען און — זעהט, ווי מיר אלע.
האט אויערען און — הערט.
האט פיס און — לויפט ארום.
האט א צונג און איז שטארק רעדעוודיג.
האט הענד און — פאטשט.
האט נאך א סימן און דעם וויכטיגסטען.
אבער איך מוז שווייגען.
קען דאס ריכטיגע ווארט ניט בענוצען: ס'איז אנגענומען,
אז אין אנשטענדיגער געזעלשאפט דערמאנט עס קיינער ניט.
און דאך איז עס דער אינהאלט פון אלע אינהאלטען.
דער מיטעלפונקט פון דער וועלט.
און ארום איהם דרעהט זיך אלעס גרויסע און קליינע.
דאס טיפסטע און דאס שפיציגסטע.
דאס ניצליכסטע ווארט.

— — —

האט איהר געטראפען ס'רעטעניש, איהר ליעבע גרויסע נארען?

איך ווער סענטימענטאל

אביסעל ליריק.
מיין שטעדטעל. א לבנה־נאכט.
האפען־פעלדער.
ס'איז שטיל — שטיל.
די גוטע לייט שלאפען און חלומ'ען פון א גרויס שטיק ברויט.
און א שטיקעל פוטער אויף.
ערגעץ אויסערין שטאָדט ארום דעם פערוואָרפענעם באָרג פון ווייסען ליים שטעהט דער אלטער ברונען.
דער ברונען־קאסטען איז מיט וואלדשוואמען בעוואקסען;
דער עמער הענגט אין דער הויך אויף דער פעראסטעטער קייט און פון איהם טריפען טראפענס וואסער ארונטער.
קאפ, קאפ!
אפשר האט זיך דעם ברונענ'ס הארץ צעוויינט — צו טיף האט מען פון איהם געשעפט?
די קאלטע נאכט־שטערען ארט עס ניט —
ווי ס'ארען זיי ניט די שטילע טראפענס, וואס פאלען — אין די פער'חלומ'טע נעכט — פון מיין אויג אראפ.

— — —

אלטמאדיש, אבער — ניט אלע קענען עס.

דאס מוטערל ערד

גיט מיין טעמא, נור עס מאכט ניט.
אביסעל ערנסט גיט צו קאַלאַריט און גוטער טאָן איז האבען א מיינונג וועגען אונזער ארדנונג.
האב איך מיר בעטראכט די איצטיגע געשעהנישען און אין כעס געווארען.
דאס מוטערל ערד איז מיט בלוט פערגאסען, ווי א צו־ביילטער חזיר.
צופיל בלוט זויפט די אלטע — ווערט פעטער און פעטער.
און עפענט ניט איהר פייערשפייענדיגען מויל און פרעסט ניט אויף דאס נארישע מענשען־געזינדעל.
איהרע שווייגען־קינדער.
קיין ריהר טהוט זיך ניט — פון מאראלישער ענטריסטונג — איהר פעט לייב.
אונבעוועגליך בלייבט איהר גרויסער, קאלאסאל־אויס־געזינדיגטער קערפער. זי איז אלט און שוואך און וויל פעט ווערען און צוקריגען א גוידער אויף די עלטערע יאהרען.
נעהמט דאס מוטערעל ערד ווארימע בלוט־בעדער, און פעטער און געזונטער ווערט זי פון טאג צו טאג.
און טהון טהוט זי דאס ניט צוליעב זיך, נור צוליעב איהרע קינדער — די מענשען.
זיי זאלען האבען א געזונדע מאמע.
ווי מיין מוהמע רישע ע"ה.
דו שוויינישע מוטערעל ערד!
דו!

ציניקער--ארע

ניט קענענדיג אייך, זאג איך אייך :

— ליעבער הערר, איהר זייט א גראבער יונג.

ווי וואגט איהר אין מיין געגענוואַרט ארויסרעדען אזא אונ־אנשטענדיג ווארט ווי "פרוי"?

שעהמט אייך!

איך ווייס וואס איהר מיינט דערמיט: איך בין ניט קיין סענטימענטאלע גימנאזיסטין.

ניט קענענדיג אייך, זאג איך אייך:

— געעהרטע מאדאם, איהר זייט א חצופה!

ווי וואגט איהר אין מיין געגענוואַרט ארויסרערען אזא אונ־מאראליש ווארט, ווי "מאן"?

שעהמט אייך!

אזא יונגע פרוי זאל האבען שמוציגע געדאנקען.

פפוי!

ווי ציניש איהר זייט אלע!

צו א פויגעל

שעהן זינגסט דו, פויגעל אין דיין נעסט: גוט איז דיר.

דו ביסט אזוי קליין, דער וואלד — אזא אונענדליכקייט און דו שרעקסט זיך נית.

זינגסט.

אדלערס פליהען אזוי הויך, דו — אזוי נידריג און ביזט זיי נית מקנא.

זינגסט.

מענשען האבען היימען און ווערעם — זייער אבגעמאסטען שטיקעל ערד און דו דרעהסט זיך ארום א פרעמדער, אן איבעריגער אין די נית־אויסגעמאסטענע הימלען און קלאגסט נית אויפ׳ן גלות.

זינגסט.

לערען מיך אויס, פויגעל קליינער, זיין ווי דו.

איך, דער הויך־געוואקסענער און שווערפיסיגער, וויל אויך פליהען.

קום ארונטער, פויגעל שעהנער, וועל איך אויף דיר — מיין יארמולקע ארויפווארפען און דיך חאפען.

וואלסט געקענט זינגען אין א אידישער יארמולקע?

דער ענגער קרייז

ער איז געווען, און איז נאך היינט, א מענש מיט א גוטען געשמאק.

ראפינירט.

האט פיינט צייטונגען, קלאסענקאמפף, קרעם־דע־מענטה, פאפולאריטעט און די גרויסע מאסע.

זי איז אזוי אונערטרעגליך באנאל.

איבריגענס איז דאס ווארט באנאל א באנאליטעט.

פערגיפטעט זיינען אלע ברונימער פון וועלכע די מאסע טרינקט — האט ער זיך זיין אייגען גייסטיג האנדטוך, זיין איינען גייסטיג שטיקעל זייף, זיין אייגען גייסטיג קעמעלע — פאר די גייסטיגע לייז.

און שרייבט ער אמאל אין דריי חדשים, שרייבט ער בלויז פאר אן ענגען קרייז.

גאר אן ענגען.

אזא ענגען, אז ער האט געמוזט הייראטען א ניט־גאנץ־שעהנע מאדיסטין, וועלכע פערדינט דרייסיג דאלאר א וואך.

ער אליין ארבייט ניט — ער עסט.

נור גליקליך איז ער האך ניט — דער ראפינירטער.

שוין גלייך אויף מארגען נאך דער חופה־נאכט האט ער מיר פערטרויט, אז ער איז ענטוישט: זיין פרוי'ס קרייז איז ניט גענוג ענג.

ער קלערט: אפשר גט'ען זי?

— — —

א מענש מיט איבערצייגונגען!

וואס ווינשען דיא דאמען?

ווי ליעבט איהר אייערע געדאנקען סערווירט —
אין א בלאהען זייד־איינבאנד אדער אין א ווייסען?

ווי געניסט איהר, ביטע, אייערע לעבענסוויזהייטען? פון די ליפען פון יונגע דאצענטען מיט ברייטע אקסלען און בלאנדע האר אדער — פון עלטערע העררען מיט גאלדענע ברילען?

ווי געפעלט אייך דער וועלטשמערץ אמבעסטען? אויפ'ן שוים פון א געקרייזעלטען, לענגליכען דיכטער אדער אויפ'ן זאפא פון אייער סימפאטישען פאמיליען־דאקטאר?

ווי ציהט איהר פאר קאנט'ס פראלעגאמענאס — מיט א פיינעם גאלדשניט, צו אזוי?

און ענדליך —

ווי שמעקען אייך בעסער אייערע קליינע פערגעניגענס? מיט אן אפיצירען־מיץ צי געוועגליך?

בעסטען אפעטיט מיינע דאמען!



מיין לעצטער וואונש

א מענש דארף שטענדיג זיין גרייט צו געהן אין דעם וויי־טען וועג.

און האבען א פארטיגע צואה.

טאמער פאהרט מען איהם איבער.

איך וועל איבערלאזען מיין ביסעל געלד אויף א שוהל.

ניין, איך וועל נ י ט איבערלאזען מיין געלד אויף א שוהל. אין א שוהל קומען מענשען ב ע ט ע ן און — בעטלער האב איך פיינט.

נאך מעהר פון רעוואלוציאנערען.

איך וועל איבערלאזען מיין ביסעל געלד אויף א משוגעים הויז.

ניין, איך וועל נ י ט איבערלאזען מיין געלד אויף א משוגעים־הויז. משוגענע זענען גליקליך, און גליקליכע האב איך נים ליעב.

איך וועל איבערלאזען מיין געלד אויף א באד.

ניין, איך וועל נ י ט איבערלאזען מיין געלד אויף א באד. אין א באד קען מען אפט ניט אונטערשיידען פון שעהנעם אי־דען ביז צום וואסערטרעגער — אלע זיינען גע'מל'טע.

און איך האלט דוקא זעהר שטארק פון דיפערענצירונג און זעלען־היעראכיע.

צוויי שווערע ווערטער — קוקט אריין אין פרעמד־ווערטער־בוך. צייט האט איהר!

איך וועל איבערלאזען מיין ביסעל געלד —

שא! אן אידעע! איך וועל איבערלאזען מיין געלד יענעם, וואס וועט ענדעקען אזא מיטעל אז די שעהנע פרויען־בריסט זאלען ניט אזוי שנעל פערלירען זייער רונדקייט און ניט אויסגעצויגען ווערען.

און אויך — ניעדריגער.....

ווייסט אימעצער פון א נאבעלערען צוועק?

אונזער דעקאדענץ

מיר גײען אונטער.

מיר זענען א דעגענערירט פאלק.

בעטראכט, ביטע, א פּאָר קליינע פאקטען — ניט טעאריען, נור פאקטען פון אונזער לעבען און ווערט רויט.

זייערע פרימאדאנען: שפּילען ניט ערגער פון אונזערע, אבער פאר'ן שפּילען און נאכ'ן שפּילען אמוזירען זיי זיך גאנץ געמיטליך, עפענען זייערע צימערען, ארעמס און לייבער יעדען איינעם, וואס האט געלד, עלעגאנץ, בילדונג און שוץ־מיטלען, אבער אונזערע עלטערע און יונגערע פרימאדאנען זיינען העכסט־אנשטענדיגע דאמען און זויגען קינדער —

פון אייגענע מענער, שטעלט זיך פאר!

און אונזערע כאריסטען־מיידלעך, זענען זיי דען ניט אבסאלוט אונשולדיגע, לייכט ארבייטענדע בעשעפענישען?

נאך פאקטען:

אונזערע יאנקעל שאבשאוויטש'עס שענקען ספר־תורה'ס אין שוהל אריין.

אונזערע צייטונגסלייט שלאגען זיך זעלטען און דועלירען קיינמאל ניט.

אונזערע בעסטע גנבים גיבען אויס זייערע טעכטער פאר צו־שניידער, וואס קענען מאכען א עהרליכען לעבען.

אונזערע מערדער טהוען תשובה און שרייבען ליטעראריש.

און וואו זענען אונזערע גרויסע באהן־רויבערס — אונזערע דזשעסי דזשיימס'עס אדער רינאלדא רינאלדיני'ס?

ס'איז מיר א בושה!



אן אידיליע

וועל אויפשטעהן זייגער ניין.
טרינקען קאווע מיט שמאנט.
אויפעסען זעקס גוטע פוטערקיכלאך,
פיער לייכט־געקאכטע אייער,
א טעלעריל גריץ.
א גלעט טהון דער מאדאם איבער׳ן באק.
לייכט — ניט אויפרעגען זיך.
האבען שטולגאנג.
אריינגעהן אין רעסטאראן, טרינקען טהעע און רעדען וועגען טערק.
לעזען דעם מארגען־זשורנאל.
מאכען א בעמערקונג וועגען וועטער.
עסען א גוטען מיטאג.
א גלעט טהון דער מאדאם איבער׳ן באק.
לאזען וואסער.
אריינגעהן אין קינא־טהעאטער.
אהיימקומען. א קניפ טהון דער מאדאם וואו כ׳האב ליעב.
לייכט — ניט אויפרעגען זיך.
עסען אבענדברויט.
שטולגאנג.
א טראכט טהון: ס׳וואלט ניט געשאדט געבען א דאלאר
צו גונסטען פון די אפפער פון דער מלחמה.
אוועקלעגען ס׳טייסטעריל אונטער׳ן קישען.
זיך לעגען שלאפען.

א ביסעל קאמפליצירט

נור דאקטוירים ווייסען: זיי פערטרויט מען.
זיי און דעם ליעבען הערר גאט.
א מאנסביל, אבער אהן Genitalia
שפּילען זיך אב אין די דאקטאר־קאבינעטען זעהר אינ־
טערעסאנטע, קליינע קאמעדיען.
איינע:

אריינגעקומען א יונגערמאן און זיך בעקלאגט, אז זיין געליעבטע איז מורא'דיג אונשולדיג, שרעקליך־אונבעריהרבאר, האט צוויי גאלדענע צייהן פון פאָרענט און איז רויט־בלאנד ער איז א ליידענשאפטליכער — ליידט ער פון היץ־קרעצלעך.

האט איהם דער גוטער דאקטאר אויסגעהערט, בעקוקט, געטרייסט און פערשריבען: אקווא דיסטילאטא.

זעה ווערטערבוך!

איז דער יונגערמאן אוועק.

אין א שעה ארום האט אין דאקטאר־קאבינעט אריינגע־טענצעלט א בילדשעהנע, רויטבלאנדע מיידעל מיט צוויי גאלדענע פאדערשטע צייהן, זיך אויסגעטהון פלינק, ניט פרע־גענדיג צי איז דאס נויטהיג און דערצעהלט דעם פערגאפטען דאקטאר, אז זי איז אין א קריטישער לאגע.

זעהר א קריטישער.

פערשטעהן די ליעבע לעזער, ווי רייצענד די דאזיגע קא־מעדיע איז?,

איך בעט דיך

לאז מיר שכור זיין, מיין ליעבע פרוי: דען אונגליקליך בין איך, ווען איך בין ניכטער.
אזוי בעז,
פערביטערט,
רעוואלוציאנער.
שלאג די קינדער פון אונצופרידענהייט מיט — זיך.
טייטעל אויף דיינע פערגאלדטע, קינסטליכע אויבער־שטע צייהנער.
שריי, אז איך וועל אנטלויפען פון דער אונציכטיגער שטוב.
פון די שלעכטע בלינצעס.
שכור וויל איך זיין, מיין ליעבע אונשולדיגע פרוי.
ניכטער מיך גיט אוים מיט'ן וואסער פון ווירקליכקייט.
דען אין וואסער שפיגעלט זיך אב מיין אמת'ע געשטאלט.
מיין ווילדער קאפ האר, די אוסדרוקלאזע אויגען, די לאנ־גע און פערהאארטע הענד.
לאז מיך שכור זיין.
אז איך בין שכור, בין איך גוט.
העלף דיר וואשען ס'געשיר,
גיב די קינדער מטבעות,
רעד מיט'ן שכן וועגען די דארדאנעלען.
רוף דיך: "מיין טויב".
לאז מיך שכור זיין, ליעבע פרוי!

א בלבול

מיכל קאפלאן דער דיכטער האט וועגען דעם א ליעד:
די חופה נאכט. זיצען זיי ביידע אויפ'ן בעט ניט־אויסגע־טהוענע און ער רעדט איהר איין, אז דאס בעסטע איז עפנען א סאדראוואסער־געשעפט
זי איז איינפערשטאנען.
זיי זיצען. ער בעווייזט זעהר לאגיש און גאנץ סיסטעמא־טיש, אז דאס סאדראוואסער־געשעפט איז פון די בעסטע און—
זי גענעצט.
ער רעדט ווייטער, איז בעגייסטערט, מאכט א תל פון אלע ארגומענטען פון די געגנער און שונאים, וואס פערגינען איהם ניט זיין סאדא־וואסער־געשעפט און כאפט זיך פלוצלונג, אז זי שלאפט און די מארגענזון האט שוין אריינגערויטעלט זיך אינ'ם קליינעם שלאף־צימער.
גיט ער א זאג:
אָ, שוין באלד טאג!
אזא געשיכטע אונגעפעהר דערצעהלט מיכל קאפלאן.
אונגעפעהר.
צו גענוי בין איך קיינמאל ניט.
איהר פרעגט, וואס איך זאג דערצו? גארניט זאג איך.
איך טראכט בלויז, אז מיכל קאפלאן איז ענטוועדער זעהר נאאיוו אדער זעהר אונפערהייראט, אדער זעהר אנגעשטויסען אויפ'ן קלאס פון צוקונפט, אניט וואלט ער ניט אנגעשריבען אזא שענדליכען פאסקוויל אויפ'ן אידישען פראלעטאריאט.

דער גלויבען אין דער זאך

זי איז א יונגע און צארטע און בלויז דריי וואכען אין פאך.
און ווי יעדע יונגע אידעאליסטין האט זי א טיעפען גלויבען אין איהר זאך.
אין איהר מיסיאן.
שפארט איהרע יונגע כוחות ניט און לעבט אין א וועלט פון לויטער אידעאלען.
אין שטענדיגען עקסטאז.
דיענסטאג בין איך ביי איהר געווען.
עלף אוהר צוויי־און־צוואנציג מינוט אבענד.
גענויע צייט.
געבראכט איהר עטליכע ווייכע שוואמען, א האלב פונט זייד־וואטען און א פלאכע וויים־פארצעלייענע שיסעל.
איז זי געווען איבערגליקליך, וואס זי האט געקראגען מיין אנערקענונג.
און אזעלכע ניצליכע פרעזענטען.
און אויסשפרייטענדיג א פריש, וויים לײלעך אויף איהר בעטיל, האט זי געזאגט:
דו שטעהסט ביי מיר העכער אפילו פון מיין פארטיי פ. פ. ס.
ווי? — האב איך אויסגערופען איבעראשט — דו האלטסט נאר פון די פ. פ. ס. — ניט פון די ס. ס. ר.?
מעהר האב איך גארניט געזאגט.
איך האב גענומען די וויים־פארצאלייענע שיסעל, די ווייכע שוואמען, דאס האלב פונט זייד־וואטען און בין אוועק.

ערגעץ אויפ'ן ים

אויפ'ן ים.

פארוואס ניט פרוווען, געליבטע?

לאמיר אויף א לייכט־שיפעל ערגיץ אינמיטען ים פער־וואַרפען ווערען און אויף די שוימענדע וועלען אונזער לאנג־ווייליג לעבען אויסברויזען.

אבער שטורמיש!

פריי וועלען מיר זיין, ווי די ניט־געקעממטע, גאנץ־דרעקאל־טירטע, פערווילדעטע ים־ריזען.

און שטיל אויסציטערען אונזערע פערבענקטע נשמות, ווי דאס איינזאמע לויכט־טהורם פייער.

קיינער זאל ניט שרייבען אויף אונזער מויד שוין־פון־לאנג —צוגעגרייטע נעקראלאגען.

און ניט פערשיטען אונזערע קברים מיט צענטער־שווע־רער ערד און ביליגע בלומען.

דו וועסט א ריעזין זיין און אין ווילדען ים דיינע מאיעס־טעטישע בריסטען וואשען און איך — א ים־רויבער.

איך וועל דעם ים פון זיינע טהייערסטע פערלען בערויבען און דערפון מאכען: — פאר דיר א האלזבאנד, און פאר מיר א נעץ צו כאפען פיש.

און מיט דער דאזיגער נעץ וועל איך גרויסע פיש כאפען און דו וועסט זיי פרעגלען אין פוטער, מיין טהייערע.

ווי ביי אייך אין אונגארן.

דאס געזעץ פון לעבען

ליגט דאס רויה־אויפגעאקערטע פעלד און — ווארט.
עס הויבט אן פריהלינגען.
בענקט דאס פעלד נאך זון־ליכט, ווינטען לייכטע, ווארימע רעגענס, אבער מעהר פון אלעם בענקט עס נאך — מיסט.
אהן מיסט וואקסען נים די זאנגען.
צייטיגען ניט די קוקורוזען.
אויף די ליעבע, מיין שעהן מיידעל, דארף מיסט.
דער טהוי פון מיינע אויגען און דאס זון־ליכט פון דעם הייסען הארצען וועלען דיין פרוכט ניט צייטיגען.
די שעהנסטע ליעבע־רייד און מעלאנכאלישסטע אויגען־זיפצען וועלען אונזער יונג, שעהן לעבען ניט פארטפלאנצען.
מיסט דארף מען.

— — —

קום, געליבטע, דאס בעט איז אזוי רייצענד ווייס. די ציכען אזוי שמעקעדיג און פריש געפרעסט, און די פארהאנגען ניעדריג ניעדריג אראבגעצויגען.
קום, געליבטע.

אמאל געוואלט זיך שמד'ן

אמאל איז מיר געווארען אזוי שווער אויפ'ן הארצען, אז איך האב א טראכט געטהאן אפשר שמד'ען זיך?
זיך אריינטהאן אין תפלות און נאַנען און פערגעסען די נארישע וועלט.
מוז זיין אינטערעסאנט, ווי זיי פיהרען זיך.
בין איך געשעפטליך אוועק אין א ברוקלינער נאַנען-קלויס-טער פערקויפען קליסטירען און אנדערע נויטיגקייטען.
האב איך געזוכט מיט די אויגען די בערגלעך פון ערד, וואס דארפען, לויט די שוואכערע ראמאנען, פארדעקען די פרוכט פון קלויסטערשער זינד.
ניט געפונען.
די עלטסטע שוועסטער האט א בלאהע, גראב פארטוך גע-טראגען און דערמיט כריסטוס'עס מארמאר נאז געווישט.
און די אנדערע שוועסטער האבען זיך מיט מיר וועגען דעם פרייז פון די קליסטירען געדונגען.
נעזאגט, אז איך רעכען צו טהייער.
און אז די קליסטיר-שפּיצען זענען צו שוואך.
און מעהר ווי מיט "נאַנען-הערצכען" איז די לופט ניט אנגעפילט געווען.
היינע'ס אן אויסדרוק.
איך וועל זיך ניט שמד'ען!

פיש-פאנג און ליבעריי

שרייבט מיר א חבר:

צווישען אנדערס לאז איך דיר ווינסען אז איך בין ביים ברעג ים און כאפ פיש.

עס איז א גרויסער ספארט.

ניט די פיש — נור דאס כאפען.

קוים פערבלוטיגט א צאפעלדיגער פיש אויף מיין אנגעל, ווארף איך איהם צוריק אין וואסער אריין.

דען בלויז אין פאנגען ליגט דאס גליק.

שרייב איך צו מיין חבר:

ליעבער חבר! דיין פיש־פאנג דערמאהנט מיך אן מיינע יונגע ליעבעס.

ווי אפט בין איך געזעסען גאנצע טעג אין וואלד און געווארט אויף א פאנג.

איך האב ניט גענוצט קיין האנד־נעץ און קיין אנגעל.

איך האב גענוצט שעהנע, געשליפענע ווערטער.

ווי פעריל,

און גאלד.

און בלומען האב איך אין האנד געהאלטען.

און אזוי עדעל געזיפצט.

און האב איך דאס נארישע הארץ געפאנגען און צובלוטעט, האב איך עס צוריק אין וואסער געשליידערט.

”דען בלויז אין פאנגען ליעגט דאס גליק“.

אדיע!

מיין נייער אנצוג

האָב איך מיר געקויפט א נייעם אנצוג, זיך אויסגעפּוצט, אויסגערייניגט די נעגעל, אָנגעשמירט די האָר מיט פעטס זיי זאלען גלאנצען, נעהם דעם שפּאציר־שטעקען אין האנד און פערלאז מיין פערהייראטע פרוי.

זוך אויס אינ׳ם נאטיץ־ביכעל די אדרעסען פון אמאליגע געליבטע און געה.

פרעג זיך אָן ביי שכנים, קלעטער אויף׳ן פערטען, פּיפּטען שטאק און בין ענטוישט.

ארויסגעצויגען.

חתונה געהאט.

כמעט אלע פון מיינע געליעבטע זיינען מעהר־ווייניגער פערהייראט און יעדע האט א מאן וואס קען דערלאנגען אזא ראמאנטישען יונגערמאן, ווי איך, פיינע, געזונדע פעטש און — אויסשמירען מיר מיין נייעם אנצוג.

מיין זומערדיגען.

דרעה איך זיך ארום איבער די גאסען אין אויסגעפּוצטער מיט דעם געפלעקטען שפּאציר־שטעקען אין האנד און — לאנג־וויייל זיך.

קעהר זיך אום אהיים, ווארף אראב פון זיך דעם נייעם אנצוג, דערלאנג דער קאץ איבער׳ן קאפּ מיט׳ן שטעקען און בעזער זיך אויף מיין געזעצליכער פרוי.

און קען זיך ניט בערוהיגען.

ערעגישעם

אן עלענד בלעטעל פלאטערט אויפ׳ן צופאלענדעם בוים:
הערבסט.
קראהען דרעהען זיך ארום אין דער הויך און קראקען דיר
אזא אונענדליכע שווערקייט אין הארצען אריין.
און די זון געהט אויף,
געהט אונטער —
אזוי לאנגווייליג.
און דו ביסט טרויעריג,
ווי נאך א רייכען, איבערזאטען מאלצייט
אדער האבענדיג איבערגעלעזען א בוך פון איינעם, וואס
איז אונענדליך גרעסער פון דיר
און מאלענטפולער.
און נאך טרויעריגער איז עס וואס —
איך בין אליין דער הערבסט.
דאס עלענדע בלעטעל.
די שווארצע קראה.
די מיעדע זון, וואס געהט אויף און געהט אונטער און
געהט ווייטער אויף אהן א זין און ציעל.
איך בין אליין דער זאטער מאלצייט:
דאס פיינע בוך.
דער מאלענטפולערער קינסטלער.

— — —

קעלנער, צו גלעזלעך טהעע פאר אלעמען. איך צאהל.

מיין יונגסטער זוהן

איז ניט קיין שעהנער.
האָט אַ לענגליך אידיש נעזעל,
שוואַרץ־געקרייזעלטע האָר,
טאַלענט,
איז אונרוהיג און אידיש—
ווי זיין פאטער.

איך האָב איהם ניט האלד: ער איז אזוי עהנליך צו מיר! באלד וועט ער אויסוואקסען, זיך פערלאזען לאנגע האָר און שרייבען נארישע סענטימענטאלע בריוולעך אהן יעדען עראָטישען אינהאלט און צוועק.

ווי זיין פאטער איז זיך נוהג געוועזען אמאל.

וועט זיין א קינסטלער, פערדינען ווענ־גער פון פופציג טויזענד דאלאר א יאהר, זידלען מענשען און אוטאמאבילען, פוצען זיך די צייהן עטליכע מאהל א טאג, זאגען וויצען—

איך האָב איהם ניט ליעב מיין יונגסטען זוהן!

מיר איז אזוי פרעהליך!

בעדויערט מיך ניט: איך בין ניט עלענד.
אין מיין בעט לויפען ארום לעבענסלוסטיגע פלייה.
אביסעל צודרינגליכע חיות —
אבער מיינען עס ערנסט.
אין די שפאלטען פונ׳ם דיל שפאצירען געמיטליך מייז און ראצען.
עכטע אמעריקאנער.
האלטען זיך פערשלאסען אין זייערע היימען.
און רעדען זעהר אונפערשטענדליך, עפעס ווי זיי וואלטען געזעגט מיט די העלזער.
גוטער ענגלישער אקצענט!
אויפ׳ן פענסטער קלאפען עטליכע גרויסע פליגען.
צו אידישליך־חוצפה׳דיג — אבער היימיש.
שטעלען זיך אזוי פריינדליך אויפ׳ן שפיץ נאז.
מאכען א גרויסען טומעל — כמעט א בעוועגונג.
מיר איז אזוי גוט.
אזוי פרעהליך.
איז דעם ליבען לעזער אויך אזוי פרעהליך ווי מיר?

אויף ווידערזעהן, מיינע טהייערע!

איהר וועט מיך אמאל בעגעגענען און קוקען אויף מיר.
און ניט וויסען, אז דאס בין איך.
און איך וועל אין אייער שעהנעם אויער שעהנע פראזען אריינשעפטשען.
און פון מיינע ליפען וועלען ווילדע רויזען פאלען אויף אייערע ברוסט.
און איהר וועט זיפצען אזוי ליעב.
און איהר וועט זיך מיר אפגעבען.
און איך וועל געניסען און — אויסשפייען.
און איהר וועט מיך ווידער בעגעגענען און קוקען אויף מיר.
ניט וויסען, אז דאס בין איך.
און איך וועל אין אייער שעהנעם אויער קלוגע נארישקייטען אריינמורמלען.
און איך אנשיכור'ן מיט'ן וויין פון מיינע ליפען.
און איהר וועט אייער מיעד, בערוישט קעפעל געטריי אויף מיין ברוסט פערווארפען.
און איך וועל אייערע שעהנע צעפ צעפלעכטען —

— — —

אויף ווידערזעהן, מיינע טהייערע!

א באַרדעל?

שרעקליך עקסקלוזיוו.
ערגער ווי ביי די פיער הונדערט.
בלויז פאר א יין מאנסביל.
זי איילט זיך ניט.
היט זיך ניט אפ. ,
איז אזוי טריוויאל.
פאבריקמעסיג.
האט ניט קיין ווייטע האריזאנטען.
קיינע ליריישע האספיטאל־פערספעקטיוון.
איז אזוי אבגעשמאקט: אהן יעדען קינסטלערישען אינטע־
רעס צו איהר ארבייטס־צימער, צום בודואר.
ווינקט ניט מיט די אויגען.
בעוועגט זיך אזוי לאנגזאם.
שאצט איהר אייגענעם אוצר ניט אפ. פערקויפט זיך פאר
לומפיגע צעהן דאלאר א וואך אהן — טרינקגעלד.
פיהרט אפילו קיין רעכנונג ניט.
די עקעלהאפטע הויזפרוי!
דאס עהרליכע ווייב!

צוריק פון דער אפּערא

כ'גײ אַהײם פון אָפּערן־טעאַטער.
קאַרמען.
אױפ'ן װעג גײ איך אַרײַן אין אַ קאַפע, טרינק עטליכע
גלעזלעך קאַלטען שאַמפּאַניער און װאַרעם זיך אױף מיט אַ קאַבאַ־
רעט־מײדעל.
דער צילינדער־הוט ליגט נאַכלעסיג אױף מײן נאַקען.
איך פײף זיך אַ ליעדעל צו.
דער שנעלער לױף פון מײן בלוט קיצעלט די אָדערן.
פערװײגט די געדאַנקען, װי זאַטע זױג־קינדער.
אַזעלכע ניט בעדײטענדע!
ס'איז שפּעט, מיר געהען איבער די ברײטע גאַסען און
פײפען בײדע.
ניו־יאָרק שלאָפט — שװער און אונרוהיג.
און עס שמעקט אַזױ שלעכט.
ערגיץ אױף אַ טראָטואַר, בײם שײן פון אַ גאַסען־לאָמפּ,
דערזעה איך אַן אַלט צײטונגס־בלאַט.
פון אױבען אַ שרעקליך גרױסע מודעה:
אַ קעניג איז געשטאָרבען!
איך שטעך ס'בלאַט דורך מיט מײן שטעקען, און לאָז עס
אַװעק מיט'ן װינד — לאַכענדיג.
און מײן קאַבאַרעט־מײדעל דריקט מיך צו זיך אַזױ פעסט
און לאַכט.
„האָסט ליעב אַז קעניגע שטאַרבען?”

אין סעפּאַראַטן צימער

מיין שלום־וואָרט:

איהר זעהט בלויז דאָס געשריבענע, אָבער ניט דעם שרייבער.

ווי גוט דאָס איז.

ווען איהר וואָלט געקענט זעהן, ווי איך זיץ איצט שפּעט בייּנאַכט און לאַנגווייל זיך שרייבענדיג און ווי איך שוויץ אַזוי עהרליך וואָלט איהר אויף מיר רחמנות געהאַט און פערציהט מיר מיינע שלעכטע איינפאַלען, אָבער איך וויל ניט אייער רחמנות!

גוט איז זיצען גאַנץ סעפּאַראַט.

זעהט קיינער ניט. דעם פּוּנ׳ם הייליגען גייסט אינספּירירטען משה נאַדיר.

און ווי ער קוקט אין שפּיגעל און קריצט מיט די צייהן.

בעשפּייט די פרישע פעדער זאָל לייכטער געהן און ס׳געהט אַלץ ניט.

גענעצט.

ציהט אָן דעם זייגער.

וואַרפט זיך אויפ׳ן בעט.

זינגט עפּעס אַ נאַריש ליעדעל.

שרייבט. געהט אַרום. גענעצט. זינגט ווידער.

און פּלוצום פאַלט איהם איין: אפשר גאָר אַ שפּיי טהון און — אַוועקגעהן אויף דער נייער אַדרעסע?

מען זאָגט זי איז זעהר אַן אינטערעסאַנטע קובאַנערין.

קריטיקער,
אויפמערקזאם!

קינסטלער זענען שלעכטע קריטיקער און — פארקערט.
געפעלט ניט טאלסטוי'ן אפילו "קעניג ליר"
אזא טעאטער־שפיל.

אבער מיר מוזען זיין גערעכט צו די קריטיקער — זעהר אפט פעהלט זיי אויס געדאנקען, ליעבע, געשמאק.

א רחמנות אויף זיי!

וויל איך מיינע קריטיקער געבען עטליכע אידעען און א פאר שטאנדפונקטען: זיי זאלען וויסען, ווי צוצוטרעטען צו דעם דאזיגען ביכעל.

שרייבט, מיינע הערדען:

אייגענטליך זענען די אלע פערדיימש'טע, קורץ־שורה'דיגע געשיכטען זייפענבלאזען און — מיאוסע דערצו.

דער אויטאר איז איינפאך סקאנדאליעז.

זיין טענדענץ — אויב ער האט וועלכע — איז א ריין פאר נאגראפישע.

די גוי'ים מעגען דרוקען אזעלכע זאכען: זיי האבען זיך שוין גענוג אנגעגעסען מיט געזונדע ליטעראַרישע שפייז, מעגען זיי פערבייסען מיט געפרעגעלטע שמעטערלינגען, אבער די אידישע לעזער בעדארפען נאך די סאמע נעטהיגסטע און נארהאפטס־טע שפייז. א חוץ דעם איז משה נאדיר ניט קיין מארסעל פרעווא אדער פעטער אלטענבערג, יענע האבען טאלענט און דער איז נאר

א פלוידער־זאק.

א קאלאמבוריסט.

א שרייבער, ווי — אלע.

איבריגנס לעזט זיך ס'ביכעל גאנץ לייכט און מיט אינ־טערעס.

א שעהן פארערבלאט.

פיקאנטע אילוסטראציאנען.

מיט בעדויערען מוזען מיר קאנסטאטירען, אז דער אויטאר די מאָלער און דער פערלעגער האבען מיט אמת'ער ליעבע גע־ארבייט אויף א ווערק, וואס האט ניט געטארט ערשיינען אין אזעלכע קריטישע צייטען, ווען יעדער האלבער דאלאר שפיעלט א ראלע.

א שאנדע!

גאנץ איראפא טרינקט זיך אין בלוט, אונזער פאלק שטעהט אויפ'ן שוועל פון אונטערגאנג און משה נאדיר וויל זיך מאכען געלד און א גרויסען נאמען דערמיט, וואס ער עקספלואטירט די נידריגסטע געפיהלען פון דער מאסע.

— — —

אנו, מיינע הערען, האט דעם מוטה אויסצודריקען דאסזעל־בע אין אן אנדערער פארם.

ס'איז דאך דער אמת.

אנו!

הערצאג ד'אברוצי'ם
א פריוואט מיינונג

ער שרייבט מיר: ליעבער נאדיר!

א שמעק געטהון אייערע רויזען; א צו שארפער גערוך, ניט נאך מיין געשמאק און נאז.

איך האב אפט נאך מיאוס'ערע געדאנקען פון אייך, אבער איך בעהאלט זיי אפילו פון זיך. האלטען מיך גאנץ קלוגע הערן און דאמען פאר א מענשען ניט פון דער וועלט.

איהר וועט זיכער האבען גרויסען ערפאלג, מאכען געלד, אמוזירען זיך און אייניגע מענשען, וואס זענען אייך ליעב, אבער זאלט איהר דרוקען אזא ביכעל?

איהר זייט דאך א סענטימענטאלער, זעהר־וויכער, זעהר־טאלענטפולער און שרעקליך גלייכגילטיגער מענש — בעזונדערס צו ווייבער, טו צו וואס דער סקאנדאלעזער עסק?

דער נסין איז גרויס: אייערע רויזען וועלען זיך צוגעהן זיכער אין פינף־און־צוואנציג־טויזענד עקזעמפלארען און געלעזען ווערען מעהר פון וועלכען ס'איז אידישען ווערק און דערצו פון אלע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט.

אויך די רעוואלוציאנערסטע.

די פערדעכטיגסטע.

א טישבוך וועלען אייערע רויזען ווערען אין אלע בארדע־לען, ראזירשטובען און זומערפלעצער.

און איהר — זייער קלאסיקער, דער גרויסער דער איינציגער.

אבער אייער פרוי טאר עס ניט לעזען.

אונמעגליך!

ווי ברוטאל: איהר פערלאכט און בעדויערט בלומערשט

קארשען ניט צובּיסענע, טרויבּען ניט־אויסגעדריקטע, פעלדער
אונבּעמיסטיגטע, נאנען פערחלומ'טע, לייבּער אונגעפרוכטעטע—
אלעם קלויסטערליכע.
ווי דער עקעלהאפטער אידישליכער היינע.
אין געגענזאץ צו פעטער אלטענבּערג און —
ד'אבּרוצי'ן,
וועלכער איז אן אנהענגער פון שטילער, מעלאנכאלישער,
אונבּעפרידיגטער האמסון־הייערסטאם ליעבּע.
און לאכט ניט: זי איז אדער הימעל —
אדער צופאל —
אדער אומגליק.
זייט געזונד און אונשטערבּליך און טהוט ווי איהר פער־
שטעהט.
איך פערשטעה גאנץ ווענינ.
אייער
ד'אבּרוצי